## יאָסל בירשטיין / גבת

געבוירן 1922 אין ביאַלאַ־פּאָדלאַסק, פּוילן. אין יאָר 1937 עמיגרירט קיין אויסטראַליע. זיך געדרוקט אין די אויסטראַלישע יידישע אויסגאַבעס.
געקומען אין לאַנד 1950. איז אַ חבר אין קיבוץ ג ב ת.

# ווי דער וויינגאָרטן איז זיכער אין זיין ווייַן

א

ביי דעם באַרג וואָס שטייט פאַרשריבן אין תהלים
דאַרף איך מער מיין פנים ניט פאַרהילן.

ווייל ווי דער וויינגאָרטן איז זיכער אין זיין ווייַן
בין איך געקומען דאָ צו זיין.

וואָס נאָך אַזוינס האָט נעכטן מיר דערציילט
דער פּאַסטעך פון די שעפסן אויפן פעלד?

ער האָט געשמייכלט און געמיינט; אַז וואָס, אַז ווען.
קען זיין ס'איז נאָך גאָרנישט ניט דערציילט און ניט געשען.

נאָר אויב דיין אויג איז פאַר דער זון ניט מער פאַרשטעלט,
און ווי דאָס שאַרפע, שלאַנקע דאָרנגראָז אין פעלד

ווערט שטאַרק דיין קול, ווי שוין באַפרייט פון שרעק,
איז ניט דערפאַר ווייל ס'איז דער טרויער שוין אַוועק —

נאָר ווי דער וויינגאָרטן איז זיכער אין זיין ווייַן
ביסטו געקומען דאָ צו זיין.

ביי דעם באַרג וואָס שטייט פאַרשריבן אין תהלים
דאַרף איך מער מיין פנים ניט פאַרהילן.

און איך פרעג ניט מער, צי בין איך טאַקע דער אַמאָל,
וואָס אַ נביא האָט געחלומט און געזען ביי אַ טאָל.

איך גיב זיך אָפּ צו זיין אין גאַנצן אָנפּאַרטרויט
און טאָג נאָך טאָג איך גיי דעם וועג פון קאָרן ביז צום ברויט

און נעם עס אָן. ניט איך ספק, ניט איך פרעג.
און ניט דערפאַר ווייל ס׳איז דער טרויער שוין אַוועק —

נאָר ווי דער וויינגאָרטן איז זיכער אין זיין ווייַן,
בין איך זיכער דאָ צו זיין.

ב

אויף די פעלדער ווייץ און קאָרן.
רחבות ליכט אויף מיינע אַקסלען.
דאָ פאַרפלאַנץ איך מיינע יאָרן
מיט די פעלדער מיטצוּוואַקסן.

שניטער קומען. זאָלן זיי קומען.
וואָס ס׳געשעט און וואָס דערנאָך איז?
כ׳הער ווי ס׳רופט שוין ווער ביים נאָמען
נאָך אַ מאָל מיין טאַטנס ברכות.

גיט אַ ציטער פאַר מיין אויער
אַלטע שטים מיט נייער בענקשאַפט;
כ׳וועל דיך אויסלייזן פון טרויער,
כ׳וועל דיך אויסלייזן פון ענגשאַפט.

וואָס באַדייט עס, ווידער חלום?
היינט באַדאַרף איך מער נישט פרעגן;
שטחים ערד פון לויטער שלום
קומען, קומען מיר אַנטקעגן.

און די בערג אין שלייער־בלוישאַפט
וואַרטן אָנגעשפּאַנט און הערן;
וועלט פון חסד און געטריישאַפט
דאַרף דאָ באַלד מקוים ווערן.

נעמט אַרום מיך גראָז און דאָרן,
זון און הימל הילט מיך איבער;
כ׳וואַקס מיט ווייץ, איך וואַקס מיט קאָרן,
קום ווי ברויט אין אַלע שטיבער.

ג

אַלע פעלדער קומען פון דער ווייטנס
און פון די בערג, ווי שעפס נאָך שעפס געטריי.
גייט מיך נאָך אַ שווייגן צו פאַרשניידן
אַ בונד פון שטילקייט אויף דאָס ניי.

מיט וואָס איך קום, מיט וואָס דען זאָל איך קומען ?
כ׳האָב איינגעזאַמלט וואָס איך האָב געקענט.
אַ קוואַל פון שלום האָב איך היינט געפונען,
בין איך צוגעפאַלן צו אים מיטביידע הענט.

און מיט תּפילהדיקע ליפּן זיך אַראָפּגעלאָזט צו טרינקען
און טרינק. מעג איך טרינקען אָן אַ מאָס ?
צי שטייט ניט הינטער מיר אַ מענטש אין זינקען
און שלאָגט זיך אַלץ נאָך יאָמערלעך : פאַר וואָס ?

די שטילקייט נעמט אַרום מיך רונד און רונדער
און זיפּט מיך דורך אָן ענטפערניש אויף וואָס און ווער.
און ס׳גיט אַ שלאָג אַ שטראָם — די וועלט איז מלא וווּנדער
און דער מענטש — דער מענטש נאָך מער.

גבת, יוני 1950

---

(די גאלדענע קייט, נ.7, 1950 - תל אביב)